# ברענגט מיר די וועלט

ברענגט צוטראָגן דער פֿאַרנאַכט
מיר נאָנט צום האַרץ
די וועלט.

אַז מיר טוט וויי — זע איך,
ווי ס׳ברייטע פּנים פֿון די פֿעלדער
ווערט פֿיכט און טונקל.

מיין אומעט
הענגט־אַראָפּ פֿון אַלעביימער,
און פֿאַלט נישט צו דער ערד —

כ׳גיב זיך נאָך נישט אונטער.

ווייל איך ווייס דאָך:
כ׳האָב אַ ווייסן טאָג פֿאַרלוירן;
נאָר וואָס מיר האָט זיך היינט געחלומט,
ברענט זיך איצטער אין די הימלען.
אַלע ביימער זיינען רויט,
און מיין אומעט הענגט אַראָפּ
פֿון יעדן צווייגל, —
פֿאַלט נישט צו דער ערד.

אויפֿגעהויבן אין דער הייך
טראָגט אויף זיינע דינע הענט
דער פֿאַרנאַכט צו מיר אין האַרץ
די וועלט.

גיי איך איר אַנטקעגן.
מיינע שלייפן
זיינען איצטער
רויט ווי גאָלד.
דאָס פּנים מיינס
איז בלאַס ווי זילבער.

אַזוי גיי איך איר אַנטקעגן.

שטיקער פייער
לעקן האַסטיק
אַלע ברעגעס
פון די הימלען.
נאָר די ערד
ליגט. שווייגט. גלויבט נישט.
קאַלט איז זי. קאַלט.

און איך מיט מיין גרויסן אומעט
גיי דער גרויסער וועלט אַנטקעגן.

טויזנט וועגן ציען זיך
פאַר מיינע פיס. טויזנט וועגן
צעבראָכענע —
האַלב העל, האַלב טונקל.

און ערגעץ ווייט אין יענעם ווינקל
גייט אונטער שוין די זון,
גייט אונטער, אונטער,
פּאַמעלעך, טריט ביי טריט, קוים וואָס זי גייט.

דער ווייטיק דויערט אַזוי לאַנג.

פעלדער ווערן בלאַס און מאָגער,
ביימער שטייען שוין בלוט־אָרים.
ווײ איז מיר,
פון מיין שטערן פאַלן אַראָפּ
די איינציקע קליינע טראָפּנס גאָלד.
און איך דאַרף דאָך איצטער גיין
מקבל פנים זיין די וועלט.

הינטער די ערשטע ביימער דאָרטן
ליגט זי שוואַך
אין די אָרעמס פון פאַרנאַכט
און לאָזט זיך פירן
צו מיר
אין האַרץ.

ווײ איז מיר,
דער לאַנגער קנייטש אין מיינע באַקן
האָט אַזוי ערנסט זיך פאַרטיפט,
טיף אוןליידיק,
ווי אַ פרישער גרוב, וואָס וואַרט
אויף אַ בר־מינן.
ווי זאָל איך אַנטקעגן גיין ?
וואָס וועל איך איר זאָגן ?

איך דערמאָן זיך :
מיר האָט זיך עפּעס היינט געחלומט.
אַזאַ שיינער חלום,
שיין ווי די וועלט,
ווייט ווי די וועלט.

טויזנט וועגן
ליגן שטיל,
טונקל, טונקל,
דאָך גאָך העל.
(שטאַרק מיד זיינען זיי און שלעפעריק,
נאָר ס׳איז אַ שאָד איצט איינצושלאָפן...)
טויזנט וועגן
וואַרטן שטום
ביי מיינע פיס,
און איך —
ווי איז מיר.

שווער זיינען מיינע טריט:
די ערד איז אָנגעלייגט מיט שאָטנס,
שטאַרע גרויסע שאָטנס ליגן,
ווי ברודיק־גראָע געפּגרטע פערד.
שווער זיינען מיינע פיס.
ווער וועט מיך פירן?
ווער?
ווינטן ווייען,
יאָ, ווינטן גייען,
נאָר נישט אין מיין וועג,
ווינטן בלאָזן דעם לעצטן פונק
פון הימל אַראָפּ.

קאַלט ווערט אויבן,
קאַלט ווערט אויבן:
אַ טאָג איז פאַרברענט,
טרויערט מען אויבן,
עס ליגן די וואָלקן

שמוציקע ברוינע,
ווי פֿאַרשרפּהטע פּערד.

כ׳דערמאָן זיך: מיין חלום
האָט דאָרטן געפּלאַמט.

ניין, איך געדענק נישט,
מיר איז שווער צו געדענקען.
אין די שלייפֿן איז שווער.
עס דריקט מיך דער הימל,
די ערד איז מיר שווער.

איך פֿאַל.

ביי מיין זייט
ליגן שאָטנס אויסגעצויגן,
לענען אָן
די ווילדע גרויסע קעפּ
אויף מיין קליינעם בוזעם.

נו, ווייס איך:
די וועלט
איז שוין אַריין צו מיר אין האַרץ
אַ פֿינצטערע.